בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת חיי שרה תשפ"ה** **חיי שרה תשס"ט תשפ"ה** **גליון 769 [שנה י"ז]**

נאר מיט חסד ה' גייען מיר יעצט אריין אין שנה טו"ב 17 יאר מיט 769 גליונות, זאל דער אויבערשטער אונז אלעמען בענטשן און געבן כח און געזונט אנגיין מיט די הייליגע ארבעט

**דרוש נפלא פון אברהם'ס געשעפטן מיט די בני חֵת און מיט עפרון**

וַיַּעֲנוּ בְנֵי חֵת אֶת אַבְרָהָם לֵאמֹר לוֹ: שְׁמָעֵנוּ אֲדֹנִי נְשִׂיא אֱלֹקִים אַתָּה בְּתוֹכֵנוּ בְּמִבְחַר קְבָרֵינוּ קְבֹר אֶת מֵתֶךָ אִישׁ מִמֶּנּוּ אֶת קִבְרוֹ לֹא יִכְלֶה מִמְּךָ מִקְּבֹר מֵתֶךָ: (כג ו–ז) אברהם בעט פון די בְּנֵי חֵת א פלאץ צו באגראבן שרה, און זיי זאגן אים, נְשִׂיא אֱלֹקִים אַתָּה בְּתוֹכֵנוּ, דארף מען פארשטיין פארוואס דארפן זיי זאגן ער איז א נָשִׂיא? כדי דאס צו פארענטפערן איז דא נאך א דיוק: אז פאר די בְּנֵי חֵת וואס האבן געזאגט בְּמִבְחַר קְבָרֵינוּ קְבֹר אֶת מֵתֶךָ, מיר געבן דיר די בעסטע פלאץ, האט אברהם מסכים געווען צו נעמען בחנם, אבער ווען ער איז געגאנגען צו עפרון בעטן א פלאץ האט עפרון געזאגט: הַשָּׂדֶה נָתַתִּי לָךְ וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר בּוֹ לְךָ נְתַתִּיהָ לְעֵינֵי בְנֵי עַמִּי נְתַתִּיהָ לָּךְ קְבֹר מֵתֶךָ: ער גיט דאס בחנם, אבער דא זאגט אברהם צו עפרון: אַךְ אִם אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה קַח מִמֶּנִּי, זאגט רש"י אתה אומר לי ליקח בחנם אני אי אפשי בכך, איך וויל נישט בחנם נאר נעם געלט, און עפרון איז מסכים, און זאגט אֶרֶץ אַרְבַּע מֵאֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף בֵּינִי וּבֵינְךָ מַה הִוא וְאֶת מֵתְךָ קְבֹר, און ער נעמט געלט, דארף מען פארשטין פארוואס פון די בְּנֵי חֵת האט אברהם מסכים געווען צו נעמען בחנם און פון עפרון האט ער דוקא געוואלט באצאלן? נאר עס שטייט אין שו"ע (חו"מ סימן ר"ה סעיף ז') אויב א מענטש זאגט צו איינעם איך גיי דיר געבן א מתנה מוז ער האלטן ווארט, און אויב נישט איז דאס מחוסרי אמנה, נישט עהרליך, אבער דאס איז נאר ביי א מתנה מועטת, א ביליגער מתנה, ווייל דער מקבל פארלאזט זיך אז ער וועט אים געבן, אבער ביי א טייערע מתנה, מתנה מרובה, קען יענער חרטה האבן, ווייל דער מקבל האט נישט געגלויבט אז ער מיינט דאס באמת צו געבן, חוץ אויב מען האט געמאכט עפעס א קנין, און עס איז דא א יש אומרים אז א ווען א רבים זאגן צו א מתנה קענען זיי נישט חוזר זיין אפילו ביי א מתנה מרובה, שרייבט דער סמ"ע דארטן לויט דער י"א קומט אויס אז א יחיד קען חוזר זיין ביי א מתנה מרובה, און א רבים קענען נישט חוזר זיין אפילו ביי א מתנה מרובה. לפי"ז איז הפלא, די בְּנֵי חֵת זענען געווען א רבים ממילא אפילו אברהם האט געוואוסט אז זיי ווילן געבן בְּמִבְחַר קְבָרֵינוּ וואס דאס איז א מתנה מרובה קענען זיי נישט חוזר זיין, דעריבער האט אברהם מסכים געווען צו נעמען בחנם אן א קנין, משא"כ עפרון איז א יחיד, און ביי א מתנה מרובה קען ער חוזר זיין, דעריבער ווען עפרון האט דאס געוואלט געבן בחנם, האט אברהם נאר געוואלט צאלן געלט כדי עפרון זאל נישט קענען חוזר זיין. אבער דאס איז נאר לויט די שיטת הי"א אז א רבים קענען נישט חוזר זיין ביי א מתנה מרובה, אבער לויט די אנדערע שיטה וואס האלט אז א רבים קענען חוזר זיין במתנה מרובה, דעריבער האבן די בְּנֵי חֵת געזאגט פאר אברהם נְשִׂיא אֱלֹקִים אַתָּה בְּתוֹכֵנוּ, ווייל עס שטייט ענדע פ"ה מס' נדרים אז צוויי מענטשן האבן געאסרט הנאה פון זיך, מעגן זיי זיך באנוצן פון די זאכן וואס באלאנגט צו די רבים, און שטייט אויב זיי שרייבן איבער זייער נכסים צו דעם נשיא איז דאס אזוי ווי א רבים וואס ער איז דאס קונה אן א קנין, און זיי מעגן הנאה האבן פון דעם, אויב אזוי איז געוואלדיג פארוואס די בְּנֵי חֵת האבן געזאגט צו אברהם נְשִׂיא אֱלֹקִים אַתָּה בְּתוֹכֵנוּ, ווייל א נשיא דארף נישט קיין קנין, ממילא לויט די ערשטע שיטה קענען מיר אויך נישט חוזר זיין ביי א מתנה מרובה, וועגן דעם איז אברהם געווען רוהיג און נעמען בחנם פון די בְּנֵי חֵת. (חוט המשולש בשערים מגלוגא שער המים)

**וואס איז געווען דער ספק פון אליעזר?**

וְהָאִישׁ מִשְׁתָּאֵה לָהּ מַחֲרִישׁ לָדַעַת הַהִצְלִיחַ ה' דַּרְכּוֹ אִם לֹא: (כד כא) פרעגט דער מלבי"ם פארוואס האט אליעזר געהאט א ספק צו דאס איז די ריכטיגע מיידל נאכן זעהן די געוואלדיגע מדת החסד פון רבקה? נאר ער האט געטראכט אפשר טוט דאס די מיידל פאר געלט און יעצט וועט זי בעטן א שיינע מתנה אדער געלט פאר איר טירחה, וועט נישט זיין א ראי' אז זי איז א בעלת חסד, וועגן דעם מַחֲרִישׁ לָדַעַת הַהִצְלִיחַ ה' דַּרְכּוֹ אִם לֹא, ער וועט ווארטן און זעהן, דעריבער שטייט (אין פסוק כב) וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלּוּ הַגְּמַלִּים לִשְׁתּוֹת, און אליעזר זעהט אז זי בעט גארנישט פאר איר טירחה, איז זי יא א בעלת חסד, אויב אזוי וַיִּקַּח הָאִישׁ נֶזֶם זָהָב בֶּקַע מִשְׁקָלוֹ וּשְׁנֵי צְמִידִים וכו' מיט דעם מהלך ענטפערט די מלבי"ם וואס די מפרשים פרעגן ווי אזוי האט ער געגעבן א מתנה איידער ער פרעגט איר בַּת מִי אַתְּ הַגִּידִי נָא לִי? נאר ער איז געווען זיכער ביי זיך אז דאס איז דער מיידל פאר יצחק און דארף שוין נישט פרעגן און ער גיט איר, און ערשט נאכדעם פרעגט ער ווער זי איז צו וויסן אויב זי איז טאקע פון חרן אזוי ווי אברהם האט אים באפוילן. (מלבי"ם עה"ת)

**אליעזר איז געענטפערט געווארן פאר זיין תפילה**

וַיְהִי־הוּא טֶרֶם כִּלָּה לְדַבֵּר וְהִנֵּה רִבְקָה יֹצֵאת:וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ לְדַבֵּר אֶת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַתִּבָּקַע הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תַּחְתֵּיהֶם: (כד טו) שטייט אין (בראשית רבה ס) ר' שמעון בן יוחאי זאגט דריי מענטשן האט מען גלייך געענטפערט, ביי אליעזר שטייט וַיְהִי הוּא טֶרֶם כִּלָּה לְדַבֵּר, איז גלייך געווארן וְהִנֵּה רִבְקָה יֹצֵאת, ביי משה שטייט (במדבר טז לא) וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ לְדַבֵּר אֵת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה, איז געווען וַתִּבָּקַע הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תַּחְתֵּיהֶם, ביי שלמה שטייט (דה"ב ז א) וּכְכַלּוֹת שְׁלֹמֹה לְהִתְפַּלֵּל, איז געווען וְהָאֵשׁ יָרְדָה מֵהַשָּׁמַיִם, ע"כ המדרש. דער ענין פון די דריי קען זיין ווייל די דריי זענען געווען די עמודי עולם תורה עבודה גמילות חסדים: תורה, איז משה וואס האט אויסגעלערנט די תורה, עבודה איז שלמה וואס האט געבויט די בית המקדש, די פלאץ פון עבודה, און גמילות חסדים איז אליעזר וואס האבן געטאן בשלימות, לשם שמים, דעריבער האט זיי דער אויבערשטער גלייך געענטפערט. (חידושי רבי נחמיה קארניצער)

און דאס שטייט (ישעיהו סה כד) וְהָיָה טֶרֶם יִקְרָאוּ וַאֲנִי אֶעֱנֶה עוֹד הֵם מְדַבְּרִים וַאֲנִי אֶשְׁמָע: איז מסביר דער עץ יוסף אויף מדרש אז ביי אליעזר איז דאס געווען א נס נסתר א באהאלטענער נס, און ביי משה איז געווען א אפענער נס אז די ערד האט זיך צושפאלטן, און ביי שלמה איז געווען א נס פון גילוי השכינה, וְהָאֵשׁ יָרְדָה מֵהַשָּׁמַיִם, אבער דער אמרי יושר אויף מדרש זאגט א שיינע חידוש אין פסוק וְהָיָה טֶרֶם יִקְרָאוּ וַאֲנִי אֶעֱנֶה דאס מיינט אליעזר, ווייל ער האט נאך נישט מתפלל געווען און איז געהאלפן געווארן, אבער עוֹד הֵם מְדַבְּרִים וַאֲנִי אֶשְׁמָע: זיי האבן געענדיגט דאווענען, כְּכַלֹּתוֹ לְדַבֵּר, וּכְכַלּוֹת שְׁלֹמֹה לְהִתְפַּלֵּל, נאר דעמאלט זענען זיי געהאלפן געווארן. אבער לענ"ד איז שווער אז

עס שטייט עֹוד הֵם מְדַבְּרִים, איז משמע אז זיי האבן נאך געדאווענט? נאר מען מוז זאגן אז כְּכַלֹּתוֹ, וּכְכַלֹּות מיינט זיי האבן געהאלטן ביים ענדיגן, שפעטער האב איך געזען אין מדרש שכל טוב אויף אונזער פסוק פרעגט די קשיא, וז"ל ונדרוש הדבר במדרש רבותינו כי לא נראה דבר פשוט, שהרי במשה ושלמה נענו לאחר שכלו תפילתן, ואילו אליעזר בטרם כלה וצ"ע: אבער לדברינו איז מיושב בעזה"י. (שמח זבולון תשפ"ה)

*מדור העובדות*

## *****הרה"ק ר' דוד מלעלוב זצוק"ל הילט אויס א שטומער בחור און מאכט דאס אוועק*****

הרב החסיד המפורסם ר' ליפא מנאוועפאלע ז"ל וואס איז געווען א משמש פון הרה"ק ר' דוד מלעלוב זצוק"ל, [-דער רבי פון לובלין זצ"ל האט געזאגט אויף אים ער איז דער יסוד פון אלע רבי"ס און הרה"ק מצאנז זצ"ל האט געזאגט אויף אים בזה"ל דוד מלך ישראל חי וקים, (ז' שבט תקע"ד)-] ער האט דערציילט די מעשה פלא: זיי פלעגן ארומפארן אין די שטעטלאך צו שאפן געלט פאר נצרכים, איינמאל איז אויסגעקומען אז זיי האבן געדארפט פארן אין א ווייטע שטאט, און אינמיטן וועג זענען זיי געווארן קאלט און מיד, האבן זיי געטראכט צו זיך אפשטעלן אין א דערפל און אפזוכן וואו א איד וואוינט און אים בעטן אויב מען קען זיך דערווארעמען און זיך אפרוהען אביסל, אין דעם ערשטן דערפל וואו זיי זענען אנגעקומען האבן נישט געוואוינט א איד, אבער א עלטערע גוי האט זיי דערזעהן און געפרעגט וואס זיי זוכן? האבן זיי געפרעגט וואו וואוינט א איד אין דעם געגענט? האט דער גוי זיי געענטפערט אז אין די דארף נאך דעם, וואוינט נאר איין איד אבער ער איז א גוטער מענטש און דארטן וועט איר קענען אריינגיין און זיך אפרוהען, און דער גוי האט זיי געזאגט פונקלאך ווי אזוי מען קומט אן צום הויז פון דעם איד.

זיי זענען געפארן צו יענעם דארף און געטראפן דעם הויז פון דעם איד און זיי קלאפן אן אבער ווען קיינער ענטפערט זיי נישט, האבן זיי געזעהן אז די טיר איז אפען, און זיי זענען אריין אין שטוב און זיך אוועק געזעצט און גארנישט געטשעפעט, און געבליבן זיך אנווארעמען און זיך אפגערוהט.

ר' ליפא האט זיך זייער געוואונדערט אז קיינער איז נישטא אין שטוב, -אבער עס איז אים שפעטער פארענטפערט געווארן-, אזוי נאך א שטיק צייט זיך אפרוהען הערן זיי ווי איינער קומט אראפ די טרעפ און ר' דוד מלעלוב זעהט א יונגער אידישער בחור קומט אראפ לעבן זיי, און ר' דוד זאגט אים א ברייטע גוט מארגן, און דער בחור ענטפערט אים צוריק א גוטע יאר, און ער פרעגט זיי פארוואס זענען זיי דא, און מען ענטפערט אים אז עס איז זיי געווען קאלט און זיי זענען געווען מיד און די טיר איז געווען אפען, זענען זיי אריין.

פלוצלינג גיט דער בחור ארויס א שטארקע געשריי פון היסטעריי: א נס! ווי קען דאס זיין, איך בין געבוירן א שטומער און איך קען רעדן ווי אזוי איז דאס געשען? און לויפט ארויס פון שטוב, ר' ליפא און ר' דוד האבן מחליט געווען אז זיי גייען מאכן פליטה ווייל מן הסתם גייט דער בחור רופן זיין טאטע און דערציילן אז זיי זענען אריין אין שטוב אן רשות, און זיכער האבן זיי עפעס געגאנבעט, און זיי האבן שנעל אוועק פון הויז. דערווייל איז דער בחור געגאנגען לויפן צו זיין טאטע אים דערציילן די גוטע בשורה אז ער קען שוין רעדן און ער רעדט אויך מיט זיין טאטע וואס איז געווארן שטארק איבערעַשְט און דאנקט דעם אויבערשטן, און פרעגט זיין זון ווי אזוי איז דאס געשען און ער דערציילט וועגן די צוויי שיינע אידן וואס זענען געזעצן אין שטוב און זיך אפגערוהט און איין איד זאגט מיר: גוט מארגן און איך ענטפער אים א גוטע יאר און פון דעמאלט קען איך רעדן!

דער טאטע זאגט אז דאס איז זיכער א גרויסער צדיק און איך וויל אים גיין טרעפן און געבן א מתנה, אבער דער זון האט געזאגט אז זיי זענען שוין אוועק געגאנגען, און ווען דער טאטע פרעגט וועלכע וועג זענען זיי געגאנגען האט ער געגעבן זיין געזונטע פערד און גייט זיי נאך לויפן, דערווייל האט דער טאטע זיי געזען פון דערווייטענס און שרייט זיי זאלן זיך אפשטעלן אבער ר' ליפא און ר' דוד האבן יעצט געמיינט אז דער טאטע וויל זיי שלאגן ווייל ער איז זיי חושד אז זיי האבן אים באגאנבעט און זיי פארן שנעלער ביז דער טאטע איז געקומען נאנט צו זיי און שרייט איך זאג אייך צו איך וויל אייך נישט שלעכטס טאן, איך בעט אייך בלייב שטיין, און זיי זענען געבליבן שטיין!

פאלט צו זייער פיס און זאגט איך וויל אייך געבן א שיינע מתנה און געלט ווייל איר האט געמאכט א נס און אויסגעהיילט מיין שטומער זון! און ער האט זיי שטארק באדאנקט און מען האט זיך געזעגנט מיט גרויס פרייד און דער בעה"ב האט געבעטן זיי זאלן שטענדיג איינשטיין ביי אים אין שטוב ווען זיי קומען אין געגענט און מען איז אוועקגעפארן, ר' דוד איז דאך געווען באוואוסט פאר א שפל ברך האט זיך אנגערופן צו ר' ליפא זעה אז דער אויבערשטער האט געמאכט א נס דורך אונז און מיר האבן אליין נישט געוואוסט פון נס, און ר' דוד איז מסביר אז דאס איז געווען ווייל דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיר ווייל אויב איך וואלט געזאגט גוט מארגן צום בחור און ער וואלט מיר נישט צוריק געענטפערט, וואלט איך געמיינט אז דער בחור איז א בעל גאוה און פאסט אים נישט מיר צוריק ענטפערן און איך וואלט געהאט עגמת נפש אז א בחור זאל האבן אזא שלעכטע מדה, דעריבער האט מען מרחם געווען פון הימל און געמאכט א נס כדי איך זאל נישט האבן עגמת נפש, אבער אז ער האט געענטפערט האב איך נישט געהאט עגמת נפש.

ר' ליפא האט געוואוסט די שפלות פון ר' דוד האט מיט געשטימט אבער שפעטער האט ער דערציילט פאר זיין זון ר' לייבוש אז ר' דוד האט גלייך מרגיש געווען אז דער בחור איז שטום און געפראוועט א מופת אז ער זאל זיך אויסהיילן און קענען רעדן, אבער ר' דוד האט זיך געוואלט באהאלטן פון מיר און געזאגט אז ער האט נישט געמאכט דעם מופת נאר עס איז געווען אן זיין וויסן פון הימל, זיע"א. (ספר מגדל דוד)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

סעט משניות סלאוויטא מצב טוב ושלם $42000 יו"ד דפוס ר' משה קטן סלאוויטא מצב בינוני אבל שלם $3600 תהלים זיטאמיר מהסידור $12000 מכתב הגאון ר' אלחנן ווסרמן לתלמידו הגאון ר' שלמה היימאן $8000 ספר עם שתי חתימות החידושי הרי"ם ושייך להשפת אמת ואמרי אמת $65000 מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש"ט חתום ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי והגאון ר' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט $400, ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, כרתי ופלתי דפוס ראשון $500 ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מנייששטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן וביררך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר התמונות ופעילות של וועד ההצלה $1000 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהר"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 מכתב של הגאון ר' חיים עוזר מצב הישיבות שעומדים לסגור $1800 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, גמ' ב"ק זיטאמיר מצב בינוני $400 גמ' ב"מ זיטאמיר מצב מצויין $900 גמ' סנהדרין זיטאמיר מצב מצויין $500 ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $5000

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website www.seforimworld.com

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פריון הבן און פריון נפש אויף אלטע געלט